ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office



## י"ד אב תשס"ה

טייערע קינדער שלוחים,

גלייכט איר שפילן מיט א "באל"? זיכער ווייסט איר אז מיט וואס פאר א שטארקער כח ווארפט מען אראפ דעם "באל", אלס העכער וועט דאס ארויפגיין. אין חסידות זאגט מען "ירידה לצורך עליי". יעדער מאל וואס אונז אידן האבן א שוועריקייט, איז דאס נאר כדי צו ברענגען אונז צו א העכערע פלאץ, צו בעסערע זאכן.

די טעג נאך תשעה ב'אב זיינען זייער צופרידענע טעג. מען האט זיך יעצט גענידערט זייער פיל אין די טעג פון די דריי וואכן, און ווען מען קומט צוריק ארויף איז דאס מיט אסאך מער שטארקייט: פונקט ווי די אויסערגעוויינליכע שיין פון די זון נאך א רעגן......

דעם שבת איז ט"ו באב. אין קענט לערנען וועגן דעם אין דעם אידישן לוח. דעם שבת איז אויך שבת נחמו – דעם שבת ווען דער אויבערשטער זאגט אונז צו א נחמה: אז ער וועט אונז בארואיגן און ער וועט אונז געבן אונזער ישועה!

לאמיר בעטן ביים אויבערשטער אז ער זאל היטן אלע אידן אין ארץ ישראל און אז מיר זאלן שוין האבן משיח – די גרעסטן עליי!!

איידלה וועכטער

## משיח נאו!



אין פרקי אבות שטייט, "שיבנה בית המקדש במהרה בימנו ותן חלקנו בתורתך". דער אויבערשטער זאל צוריק אויפבויען דעם הייליקן בית המקדש שוין אין אונזערע טעג, און ער זאל אונז געבן א חלק אין זיין הייליקן תורה.

וואס איז די פארבונד צווישן די צוויי זאכן - אויפבויען דעם בית המקדש, און לערנען תורה? ווען מיר וועלן האבן דעם בית המקדש,וועלן די גוים טאן אלע ארבעט פאר אונז. יעמאלט וועלן אלע אידן האבן צייט צו זיצן און לערנען תורה!!

## פרשת ואתחנן

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת ואתחנן

**ואתחנן אל ה'**

אין היינטיקער פרשה, פרשת ואתחנן, ווערט דערציילט וועגן די עשרת הדברות, וואס זיי אלע ווערן אויסגערעכנט אין דער פרשה פון אנהויב ביזן סוף.

די עשרת הדברות זיינען דאך די רייד וועלכע דער אויבערשטער האט גערעדט צו אידן ביי מתן תורה, וואס דערפאר זיינען זיי איינגעקריצט אין די לוחות וואס מ'האט אריינגעטאן אין דעם הייליקן ארון, אין דעם קודש הקדשים פון משכן און בית המקדש.

און דאס אלץ איז אריינגעשריבן אין פרשת ואתחנן.

איינער פון די רמזים אין דעם:

"ואתחנן" מיינט די תפילה פון משה רבינו - "**אעברה נא ואראה את הארץ**": משה האט געבעטן דעם אויבערשטן אז ער, משה, זאל אריבערגיין דעם ירדן און זען ארץ ישראל. און די חז"ל דערציילן אז משה האט געדאווענט 515 תפילות אויף דעם!

פונדעסטוועגן האט דער אויבערשטער דעמאלט ניט אנגענומען די תפילות פון משה רבינו און ער איז ניט אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל.

איז די תורה אונז מרמז, אז דורך דעם וואס אידן היטן די עשרת הדברות, פון "אנכי ה' אלקיך" ביז צו "לא תתאוה גו' כל אשר לרעך" - איילט דאס צו, אז די תפילה פון משה רבינו זאל מקויים ווערן בפשטות.

ווייל ווען משיח וועט קומען, אין דער גאולה האמיתית והשלימה, וועט משה רבינו צוזאמען מיט זיין גאנצער דור, און ספעציעל די קינדער פון זיין דור, קומען מיט "ענני שמיא" אין ארץ ישראל,

און דארטן גופא - אין ירושלים, עיר הקודש, און אין בית המקדש,

און מ'וועט פראווען די גרעסטע שמחה און טאנצן דעם גרעסטן ריקוד מיט די לוחות - ענלעך צו דער שמחה פון שמחת תורה מיט ספרי תורה - מיט א ריקוד וואס וועט זיין גאר לעבעדיק, גאר פריילעך און נצחיות'דיק.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת י"ג מנחם אב תנש"א)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org



# דעם חסידישן לוח

## ט"ו באב

ט"ו באב איז איינע פון די גרעסטע ימים טובים פאר אידן.

ט"ו באב איז א ספעציעלע טאג צוליב אסאך סיבות. צוויי פון די סיבות זיינען:

א. אין דעם מדבר, האבן די אידן אויפגעהערט שטארבן. דורך די פערציק יאר אין מדבר, זיינען יעדן יאר תשעה באב אסאך אידן געשטארבן צוליב די חטא המרגלים. ט"ו באב, דעם לעצטן יאר וואס די אידן זיינען געווען אין מדבר, האבן זיי געזען אז עס איז שוין אריבער כמעט א וואך פון תשעה באב און קיינער איז נישט געשטארבן. יעמאלט האבן זיי פארשטאנען אז די אידן וואס זיינען געבליבן וועלן לעבן און אריינגיין אין ארץ ישראל!!

ב. אין צייט פון בית המקדש, האט מען ט"ו באב געענדיקט שניידן די האלץ פאר די קרבנות. מען האט געמאכט אויף דעם טאג א גרויסע סעודה און יום טוב!!

דער רבי רעדט אויף דעם וואס ט"ו באב איז דער טאג ווען די לבנה איז פול - וואס דאס באווייזט א שטארקייט אין אידן וואס מיר זיינען געגליכן צום לבנה. יעדער חודש ווערט דער לבנה פול, אבער אין חודש מנחם אב קומט דאס נאך די שווערע ניין טעג און תשעה באב, דערפאר איז די ליכט וואס קומט נאכדעם נאך שטארקער!

## *ט"ו באב - סיהרא באשלמותא*

צווישן די טעג פון "נחמתא", די טרייסט –טעג, וואס קומען נאך תשעה באב - איז דער טאג פון חמשה עשר באב, וואס אויף עם ווערט דערציילט אז, בזמן שבית המקדש הי' קיים, איז דאס געווען איינער פון די גרעסטע ימים טובים, "**לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב כו'**".

ווי עס ווערט ערקלערט אין ספרים, איז די שמחה פון ט"ו באב פארבונדן דערמיט וואס אין דעם פופצנטן טאג אין חודש איז "**קיימא סיהרא באשלמותא**": עס לייכט דער פולער פנים פון דער לבנה.

[די גאנצע לבנה איז דא אלע טעג פון דעם חודש: די גאנצע לבנה **לייכט** אבער נישט אלע טעג פון דעם חודש, ביז אז ס'זיינען דא טעג אין חודש וואס דעמאלט איז דער גרעסטער טייל פון לבנה טונקל. ווען ס'קומט אבער דער פופצנטער טאג פון דעם חודש, לייכט דעמאלט די גאנצע לבנה].

דערפון איז דא אן אפלערנונג פאר יעדער אידן, קליין און גרוים:

אידן זיינען "**מונין ללבנה**" - זיי ציילן די טעג לויטן לוח (קאלענדער) פון דער לבנה.

איז ווען ס'קומט דער טאג ווען עס לייכט די גאנצע לבנה,

*(המשך...)*

*(המשך פון דעם חסידישן לוח)*

דערמאנט דאס א אידן ווי **ער** דארף לייכטן:

דער אויבערשטער האט אים געגעבן א גוף מיט א נשמה, און ער דארף זען אז זיי זאלן שיינען און (אויך) מאכן ליכטיק ארום זיך:

און אין אן אופן אז ס'זאל לייכטן נישט נאר א טייל פון זיי, האלב צי דריי–פערטעל אדער מער, נאר אז ס'זאל זיין "קיימא סיהרא **באשלמותא**":

אין אלע זיינע זאכן, סיי אין זיין טראכטן, און אוודאי אין זיין רעדן, און נאכמער אין זיין טאן - זאל יעדער מחשבה דיבור ומעשה זיין א ליכטיק און א שיינענדיקע, אז דאס וועט מאכן ליכטיק אויך ארום זיך, אין זיין הויז, אין זיין בית–ספר, אין זיין גאנצער שטאט, ביז אז דאס וועט ליכטיק מאכן די גאנצע וועלט.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער– שיחת י"א מנחם אב תשל"ח)*



# דערציילט מיר א מעשה

אין די כ'ס האט ר' אברהם פרשן משפיע געווען אויף צוויי מיידלאך צו ווערן נענטער צו תורה און מצוות. דורך די צייט וואס ער האט געלערנט מיט זיי, האט ער גערעדט מיט זיי אסאך אויפן רבי'ן.

נאך א צייט האט ער זיי איינגערעדט פארן צום רבי'ן.

איין פון די מיידלאך זיינען איז געווען פון א משפחה וואס האט זיך געהאלטן אין טאן געוויסע מצוות, און אירע עלטערן האבן – נישט געוואוסט וועגן און דערפאר – נישט געגליכן חב"ד. זיי האבן געמאכט אסאך שוועריקייטן פאר הרב אברהם.

ווען הרב אברהם האט גערעדט מיטן רבי'ן אויף דעם, האט דער רבי געזאגט "עס איז נישט נאר צוויי מיידלאך וואס דו האסט היינט געברענגט נענטער. עס איז צוויי קייטן וואס וועלן זיך ציען אויף דורות!"

און טאקע, ביידע מיידלאך האבן חתונה געהאט און האבן געבויט אידישע – חסידישע הייזער!



פרקי אבות
פרק שלישי

# שבת פרשת עקב
# און שבת נחמו

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ד אב, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

# שאלות—פרשת ואתחנן

א. וואס מיינט ירידה לצורך עלי'? ______________________________

______________________________

ב. וואס איז דער ירידה וואס מיר זיינען יעצט דורכגעגאנגען? ______________________________

______________________________

ג. וואס וועט זיין דעם אמת'ן עלי'? ______________________________

ד. וואס איז געשען ט"ו באב? ______________________________

______________________________

ה. וואס איז די פארבונד צווישן בויען דעם בית המקדש און לערנען תורה? ______________________________

______________________________

ו. אויף וואס האט משה געבעטן? ______________________________

ז. וויפיל מאל האט משה געבעטן? __________

ח. וואס נאך רעדט זיך אין אונזער פרשה? ______________________________

______________________________

ט. וואס מוז זיין כדי משה זאל האבן וואס ער וויל? ______________________________

______________________________

י. ווי אזוי דארף א אידיש קינד זיין ווי א גאנצע לבנה? ______________________________

______________________________

## דער געווינער פון פרשת דברים: **מושקי לעווענטאל, 6**

נאמען: ______________________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________________

אי-מייעל: ______________________________

**הצלחה רבה!**